

בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### פרשת צו

### דוד המלך גלוסט צו מקריב זיין קרבן נשיאים • די ווערק פון דוד און משה בלייבט אויף שטענדיג • דוד המלך באַגערט צו אויפבויען דער ביהמ"ק

***זֶה קָרְבַּן אַהֲרֹן וּבָנָיו אֲשֶׁר יַקְרִיבוּ לַה' בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ וגו'*** **(ו, יג):** עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט רמז תפ"ו), ***אמר רב אידי, מתאוה היה דוד לקרבן נשיאים.*** רב אידי זאגט: דוד המלך האט געגלוסט צו מקריב זיין די קרבן נשיאים.

**שטעלט** זיך די קשיא, פארוואס האט דוד המלך ספעציעל געגלוסט צו מקריב זיין די '***קרבן נשיאים***' מער פון אלע אנדערע קרבנות וואס כלל ישראל האט מקריב געווען?

**מען** קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין 'חז"ל' (סוטה ט.), אויב וואלט משה רבינו אדער דוד המלך געבויעט דער בית המקדש, וואלט דער ביהמ"ק קיינמאל נישט חרוב געווארן, ווי די גמרא זאגט: ***משה ודוד לא שלטו שונאיהם במעשי ידיהם.*** (די פיינט האבן נישט געוועלטיגט אויף די ווערק פון משה רבינו און דוד המלך).

**לויט** דעם קומט אויס, אויב וואלט דוד המלך געבויעט דער בית המקדש, וואלט דאס געווען דער 'בית המקדש האחרון', וויבאלד דאס וואלט קיינמאל נישט געקענט חרוב ווערן.

**מיר** געפונען אין 'נביא' (יחזקאל פרקים מ"ה מ"ו), עס איז פאַרהאַן אַ ספעציעלע קרבן וואס מען דארף מקריב זיין ביים 'חנוכת בית המקדש האחרון', וואס ווערט אָנגערופן 'קרבן נשיא', דאס איז מען מקריב ביים חנוכת בית המקדש וואס גייט קיינמאל נישט חרוב ווערן.

**לויט** דעם איז זייער פארשטענדליך פארוואס דוד המלך האט געגלוסט צו מקריב זיין דוקא דאס 'קרבן נשיאים', וויבאלד דוד המלך האט באַגערט צו בויען די בית המקדש, און אויב בויעט ער דעם ביהמ"ק, וועט עס קיינמאל נישט חרוב ווערן, ממילא וועט ער דארפן ברענגען ביים חנוכת בית המקדש דאס '***קרבן נשיא***' וויבאלד ער איז דאך געווען דער מלך מיט נשיא.

**דאס** איז פשט אין חז"ל, דער תאוה פון דוד המלך איז געווען צו מקריב זיין קרבן נשיאים, וויבאלד ער האט געוואלט זוכה זיין צו בויען דעם ביהמ"ק אויף שטענדיג, וואס וועט קיינמאל נישט חרוב ווערן. (פרשתינו אות ד')




### פיר ניסים וואס מען דארף ברענגען א קרבן תודה • חילוקים אין לשונות הפסוקים • די נס וואס פאַסירט צו יעדעם באַזונדער • דער אויבערשטער הערט אויס יעדע תפילה טראָץ וואס עס קומט נישט פונעם גאַנצע האַרץ

***אִם עַל תּוֹדָה יַקְרִיבֶנּוּ וְהִקְרִיב עַל זֶבַח הַתּוֹדָה חַלּוֹת מַצּוֹת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן וְסֹלֶת מֻרְבֶּכֶת חַלֹּת בְּלוּלֹת בַּשָּׁמֶן*** **(ז, יב):** 'רש"י' אויפן ארט (ד"ה אם על תודה), זאגט ווער איז מחויב צו ברענגען א קרבן תודה: '***אם על דבר הודאה על נס שנעשה לו, כגון יורדי הים, והולכי מדבריות, וחבושי בית האסורים, וחולה שנתרפא, שהם צריכין להודות, שכתוב בהן*** (תהלים קז, כא), ***יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם,*** (שם כב), ***וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי תוֹדָה***'. די אלע וואס ווערן געראטעוועט פון א צרה (דורכגערייזט א ים, דורכגעגאנגען א מדבר, באפרייט פון תפיסה, אויסגעהיילט פון א קראנקהייט). זענען מחויב אפצוגעבן א שבח והודיה פאר'ן רבוש"ע און מקריב זיין א קרבן תודה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם'.

**דער** קאפיטל ק"ז אין 'תהלים' באציט זיך אויף די אויבנדערמאנטע פיר סארטן סכנות וואס א מענטש גייט אריבער, און מען דאנקט דער אויבערשטער אויך אלע ניסים און חסדים וואס ער טוט פארן מענטש. מען קען ערקלערן עטליכע פשטים אין די ווערטער פון די פסוקים אינעם קאפיטל.

***וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם וגו'*** **(שם ו'):** די פסוק ענדערט די לשון ביי יעדע פאל באזונדער, ביי 'הולכי מדבריות' שטייט: ***יצילם***. ביי 'יורדי הים' שטייט: ***יוציאם***. ביי 'חבוש וחולה שנתרפא' שטייט: ***יושיעם***.

**מען** קען ערקלערן די ענדערונג אינעם לשון לויט די אינהאַלט פונעם נס:

**הולכי מדברות:** די וואס גייען דורך א מדבר איז הויפטזעכליך דער נס אז זיי זענען דורכגעגאנגען די מדבר בשלום, און נישט באַטראָפן געווארן פון רויבער אוןווילדע חיות א. ד. ג. אויף דעם פאַסט די לשון '***יצילם***', וויבאלד דער אויבערשטער האט זיי 'געראַטעוועט' אויפן וועג, פון רויבער וואס קענען זיי שעדיגן און שלעכט'ס טון.

**אזוי** ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (סוטה כא.), ***הגיע לפרשת דרכים, 'ניצול' מכולם.*** איינער וואס איז פאַרבלאָנדזשט אין וואלד, געפונט ער זיך אין א געפאַר פון רויבער, שלעכטע חיות, וכדומה. ווען ער קומט אן צו דער פרשת דרכים - א שיידוועג וואס פון דארט און ווייטער דערקענט ער די אויסגעטראָטנע וועג, דעמאָלטס איז ער געראטעוועט געווארן, און גייט ארויס פון די סכנה, (עיי"ש).

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

**יורדי הים:** די וואס געפונען זיך אויפן וואסער איז זייער הויפט געפאר צו באַטראפן ווערן פון א שטורעם ווינט, וואס קען איינזינקען די שיף, און אפילו אויב מ'איז גערעטעוועט געווארן פון א שטורעם ווינט, איז דאס נאכנישט א פולקאָמע רעטונג ווילאנג מ'איז נישט אינגאנצן ארויס פון ים, וויבאלד ס'קען נאך קומען א פרישע שטורעם ווינט, דערפאר שטייט די לשון **'יוציאם'** (אינגאנצן ארויס פון ים).

**חבוש וחולה שנתרפא:** עס שטייט דוקא די לשון **'יושיעם'**. אזוי ווי עס שטייט אין 'רד"ק' (שורש שוע), **כי 'ישועה' נגזרת מתי בת שוע ומשמועתה שומע תפילה**. דער שורש פון די ווארט 'ישועה' נעמט זיך פון די באדייט 'שומע תפילה'. דאס הייסט, ישועה איז טייטש אז דער אויבערשטער האט אויסגעהערט די תפילות וואס דער מענטש האבן געבעטן און אים געהאָלפן פון זיין פראבלעם.

**דאס** איז א ספעציעלע חידוש, אז דער אויבערשטער זאל אויסהערן תפילות פון איינער וואס איז פאַרשפאַרט אין תפיסה און פון איינער וואס איז קראנק, וויבאַלד דער שטייגער פון די וועלט איז, ווען איינער איז איינגעשפאַרט אונטער גראַטעס טוט מען אינטערוועניִרן אלע סארט שתדלנות און מיטלען אים צו באפרייען. און דאס זעלבע ביי א חולה וואס מ'לויפט ארום צו אלע פרעפעסאָרן און דאָקטורים.

**ערשט** נאכדעם וואס מען זעט אז דאס אלעס האט נישט געהאלפן, דאן ווענד מען זיך צום באשעפער און מען בעט ער זאל העלפן. און אפילו ווען מען דאווענט שוין יא, איז דאס נישט מיט'ן גאנצע הארץ און פולע האפנונג אויסשליסליך צום באשעפער, מען פראבירט נאכאלץ צו שתדל'ען און לייגן ערוואַרטונגען אויף די השתדלות וואס מען האט געמאַכט.

**דעריבער** וואלט חלילה געווען א ארט צו קלערן, אז פאר אזעלכע סארט תפילות הערט דער אויבערשטער נישט צו, וויבאלד מען דאווענט נישט די גאנצע הארץ און עס פעלט דער ריכטיגע ביטחון אינעם אויבערשטן.

**דערפאר** שטייט די לשון **'יושיעם'** דוקא ביי די צוויי (חבוש מיט חולה), צו לאזן הערן דער חידוש, אפילו ביי אזעלכע סארט תפילות וואס קומט נישט פון די גאנצע הארץ, הערט אויס דער גרויסער באשעפער וועלכע איז א 'קל רחום וחנון'. (פרשתינו אות ה')

# פרשת פרה

## דער אויבערשטער אַנטפּלעקט פאר משה רבינו טעם פון פרה אדומה • פרה אדומה פאַרמאָגט זיבן דינים וואס יעדע דין ווערט דערמאַנט זיבן מאל • פרה אדומה איז מרמז אויף מ"ט שערי בינה

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה וגו' (במדבר יט, ב):** עס שטייט אין 'מדרש' (במדבר רבה יט, ד), דער אויבערשטער האט געזאָגט צו משה רבינו: **'לך אני מגלה טעם פרה אבל לאחרים חקה'**. צו דיר טו איך אַנטפלעקן דער טעם פון פרה אדומה, אבער פאר אנדערע איז דאס א געזעץ אָן קיין טעם.

**שטעלט** זיך די קשיא - ממה נפשך - אויב קען מען דאס נישט אנטפלעקן, פארוואס קען דאס משה רבינו יא וויסן, און אויב קען מען דאס יא מגלה זיין פארוואס אנטפלעקט דאס דער אויבערשטער נאר צו משה רבינו?

**עס** שטייט אין 'מדרש' (במדב"ר יט, ב), **רבי חנן בן פזי פתר קרא בפרה, פרה שיש בה מז' ז'. ז' פרות, ז' שריפות, ז' הזיות, ז' כיבוסין, ז' טמאים, ז' טהורים, ז' כהנים**. די פרשה פון פרה אדומה אַנטהאַלט זיבן דינים וואס יעדע דין ווערט דערמאַנט זיבן מאל אין די תורה (עיי"ש). וואס דאס קומט אויס סך הכל 'ניין און פערציג'.

**מיר** געפונען אין 'חז"ל' (ראש השנה כא:), משה רבינו האט דערגרייכט צו 'מ"ט שערי בינה' אבער נישט צו נ' שערי בינה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ח, ו), **'וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹקִים'**. וואס דאס גייט ארויף אויף דער פופציג'סטער שערי בינה וואס משה רבינו האט נישט דערגרייכט.

**לויט** דעם קען מען פארשטיין פארוואס דער אויבערשטער האט מגלה געווען דער טעם פון פרה אדומה נאר פאר משה רבינו. וויבאלד די פרשה פון פרה אדומה וועלכע ווערט דערמאנט ניין און פערציג מאל איז מרמז אויף מ"ט (ניין און פערציג) שערי בינה, און משה רבינו האט שוין משיג געווען מ"ט שערי בינה, דערפאר קען מען אים אנטפלעקן דער טעם פון פרה אדומה. דאקעגן אנדערע וואס האבן נאכנישט משיג געווען מ"ט שערי בינה פאר זיי איז דאס א 'חוק בלי טעם'. (פרשת חקת סוף אות ב')

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה
בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.


הוצאת הגליון והפצתו לזכות

**לברכה ולהצלחה**
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוגתו
מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

**פרנסה בריווח ועושר**
ישעיה בן צלחה
להצלחה גדולה בפרנסה

**להצלחה מתוך מנוחת הנפש**
אליאס בן איסתרייה
וזוגתו
סופיה בת אסתר
להצלחה בעסקיהם מתוך מנוחת הנפש ובלי שום עיכובים ומניעות

**ישועה וברכה**
שאול בן רחל
להצלחה גדולה בישועה שזקוק ולהתבשר בשורות טובות

**ברכה והצלחה**
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקה השבוע

**להצלחה בעסקיו**
יונתן שמואל בן רבקה דינה
שיזכה להשלים את העסקה בהצלחה גדולה וברווח נכבד

**להצלחה בעסקיו**
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
להצלחה בכל העניינים ויהיה לו פריצת דרך גדולה בעסקיו

**לזיווג הגון**
שרה שרון בת סופיה
לזיווג הגון בקרוב ממש מתוך אושר ושמחה



**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120


**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**